**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/7/2025 **KATHY HOCHUL גאווערנער**

**גאווערנער HOCHUL (האקול) אנאנסירט 50 מיליאן דאלארדיגע אונטערנעמונג צו באקעמפן ארימקייט אין אפסטעיט ניו יארק**

***בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 האט אריינגערעכנט 50 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג פאר קינדער ארימקייט רעדוקציע***

***ראטשעסטער, באפעלאו און סירעקיוּס האבן צווישן די העכסטע ארימקייט ראטעס אין ניו יארק***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט נייע שריט צו באקעמפן ארימקייט אין ראטשעסטער, באפעלאו און סירעקיוּס — דריי קאמיוניטיס וועלכע זענען אויסגעוועהלט געווארן ווייל זיי האבן צווישן די העכסטע ארימקייט ראטעס אין גאנץ ניו יארק סטעיט. גאווערנער Hochul (האקול)'s בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 האט צוגעטיילט 50 מיליאן דאלאר פאר די אנטי-ארימקייט פראגראמען וואס ווערט יעצט אויסגענוצט דורך קאמיוניטי-באזירטע גרופעס אין די דערמאנטע קאמיוניטיס.

"עס קומט זיך פאר יעדע פאמיליע צו האבן די געלעגנהייט צו וואקסן און בליהען אין ניו יארק, און איך בין פארפליכטעט צו אהערשטעלן די מיטלען דאס צו מאכן פאר א רעאליטעט", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "אלס די ערשטע גאווערנער וואס קומט פון אפסטעיט ניו יארק אין נאענט צו הונדערט יאר, ווייס איך אז פילע פון אונזערע שכנים מוטשענען זיך צו באצאלן די בילס. ארבעטנדיג צוזאמען, וועלן מיר באקעמפן ארימקייט און אויפהייבן די פאמיליעס וועלכע דארפן דאס די מערסטע."

די סיטיס אָוו ראטשעסטער, באפעלאו און סירעקיוּס אינוועסטירן 50 מיליאן דאלאר וואס זענען אריינגערעכנט געווארן אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 צו ברענגען גאר-נויטיגע הילפס-מיטלען צו העלפן פאמיליעס וואס לעבן אין ארימקייט צו פארמערן זייער איינקונפט און פארבעסערן זייער פאמיליע'ס וואוילזיין. אלע פון די לאקאלע רעגירונגען האבן פארבעטן די קאמיוניטי זיך צו לאזן הערן – און זיי האבן צוריקגעהערט קאמענטארן – בשעת'ן ארבעטן מיט זייער קאונטי דעפּארטמענט אָוו סאָושעל סערוויסעס צו אויפקומען מיט- און פארענדיגן זייערע פלענער.

די מאנראו קאונטי דעפּארטמענט אָוו היוּמען סערוויסעס ( Monroe County Department of Human Services) וועט נוצן 25 מיליאן דאלאר צו דורכפירן דריי געציהלטע סטראטעגיעס צו פארשטערקערן די פינאנציעלע צושטאנד פון פאמיליעס מיט נידעריגע איינקונפט און רעדוצירן ארימקייט אין די סיטי אָוו ראטשעסטער. די סטראטעגיעס רעכנען אריין א חודש'ליכע פראגראם צו גיבן א רייץ מאסנאם אין פארעם פון קעש פאר טראגעדיגע פרויען וועלכע זענען מסכים זיך צו באטייליגן אין אקטיוויטעטן וואס שטיצן מוטערליכע געזונטהייט, און אזוי אויך רענט סאָבסידיס און פראגראמען צו באגלייטן מענטשן זיי צו העלפן פארבעסערן זייער געזעלשאפטליך-עקאנאמישע צושטאנד.

- אנגעהויבן אין די 180 טעג בעפאר די ערווארטעטע טאג פון די געבורט, וועלן ביז 200 טראגעדיגע פרויען וואס זענען בארעכטיגט פאר 'צייטווייליגע הילף פאר נויטבאדערפטיגע פאמיליעס' (Temporary Assistance for Needy Families, TANF) אין געוויסע זיפ קאודס אין ראטשעסטער זיין בארעכטיגט צו באקומען א רייץ מאסנאם אין פארעם פון $1000 קעש פער חודש פאר ביז צוויי יאר, און אזוי אויך קעיס מענעדזשמענט שטיצע, געשיקט ווערן פאר העלטקעיר פאר טראגעדיגע פרויען און סערוויסעס צו רעדוצירן מוטערליכע קרענק און טויטפעלער צווישן נייגעבוירענע בעיביס. אנטיילנעמער וועלן אויך פארלאנגט ווערן צו אויספירן אנדערע אקטיוויטעטן וואס שטיצן גייסטישע געזונטהייט און שטופן פאר זעלבסטשטענדיגקייט און צו פארבעסערן זייער געזעלשאפטליך-עקאנאמישע צושטאנד.
- די רענט סאָבסידי פראגראם וועט גיבן א חודש'ליכע צוגאבליכע סומע פאר 100 פאמיליעס וואס באקומען יעצט צייטווייליגע הילף (Temporary Assistance) וואס וואוינען אין דעזיגנירטע זיפ קאודס אין ראטשעסטער איבער צוויי יאר. פאמיליעס וואס באקומען די סאָבסידי וועלן אויך באקומען קעיס מענעדזשמענט, פינאנציעלע קאונסעלינג און שטיצע וואס איז נויטיג צו פארמערן זייער איינקונפט כדי זייער סך הכל חודש'ליכע רענט זאל נישט איבערשטייגן 30 פראצענט פון זייער חודש'ליכע איינקונפט.
- דער געזעלשאפטליך-עקאנאמישע צושטאנד פארבעסערונג באגלייטונג ( Upward Mobility Mentoring) פראגראם וועט גיבן פאר ביז 1,200 TANF-בארעכטיגטע פאמיליעס דירעקטע שטיצע און קעש הילף מיט די ציהל פון האבן א באדייטפולע און אנהאלטנדע השפעה אויף די לאנג-טערמיניגע עקאנאמישע פאטענציאל פון פאמיליעס. דער פראגראם וועט אדרעסירן פינף יסודות פון די געזעלשאפטליך-עקאנאמישע לייטער: פאמיליע סטאביליטעט, וואוילזיין, ריכטיגע פינאנציעלע אויפפירונג, עדזשוקעישען/טרעינירונג און באשעפטיגונג/קאריערעס. יעדע איינגעשריבענע פאמיליע וועט אויפקומען מיט פערזענליך-צוגעפאסטע לעבנס פלענער וויאזוי צו פארבעסערן זייער געזעלשאפטליכע-עקאנאמישע צושטאנד און זיך באטייליגן אין קאָוטשינג און פינאנציעלע קאונסעלינג צו ארויסברענגען די מערסטע פון זייער פאטענציאל פאר זייער לאנג-טערמיניגע הצלחה.

די אָנאָנדאַגאַ קאונטי דעפּארטמענט אָוו סאָושעל סערוויסעס ( Onondaga County Department of Social Services) וועט נוצן 12.5 מיליאן דאלאר זיך צו קאנצענטרירן אויף צו אדרעסירן ארימקייט וואס גייט אריבער דורות, שטופן פאר האוזינג סטאביליטעט, פארבעסערן די ראטעס פון קינדער אנוועזנהייט אין שולע און פארטיילן אומזיסטע ווינדלען פאר פאמיליעס וואס זענען בארעכטיגט פאר צייטווייליגע הילף (Temporary Assistance).

- דער עקזיסטירנדער Gen Onondaga2 פראבע פראיעקט וועט אויסגעברייטערט ווערן, צושטעלנדיג אינטענסיווע קעיס מענעדזשמענט און העלפן אוועקשטעלן ציהלן – זיך רעכענענדיג מיט טראומע – פאר סירעקיוס פאמיליעס מיט קינדער וועלכע באקומען צייטווייליגע הילף צו בעסער שטופן פאר די וואוילזיין פון די פאמיליע. דער פראגראם מוטיגט אויך מענטשן צו פארזעצן צו ארבעטן דורכן גיבן באצאלונגען צו העלפן פארגרינגערן די ווירקונגען וואס ווערן געפיהלט ווען מענטשן פארלירן פלוצלינג די בארעכטיגונג פאר בענעפיטן צוליב א העכערונג אין איינקונפט. אנטיילנעמנדע הויזגעזינדער מיט איינקונפט וואס איז העכער פון די מאקסימום צו זיין בארעכטיגט פאר הילף וועלן פארזעצן צו באקומען זייער חודש'ליכע בענעפיט פאר 12 חודשים, נאך וועלכע די בענעפיט וועט שטייטערהייט רעדוצירט ווערן ביז נול. אין צוגאב, וועט די פלאן שטיצן עלטערן וואס האבן קינדער וואס וואוינען נישט ביי זיי דורכן זיי העלפן רעדוצירן די פארלאנגטע טשיילד סופּארט צו בעסער שטימען מיט וויפיל זיי קענען זיך ערלויבן און זיי פארבינדן מיט באשעפטיגונג און חינוך קלאסן פראגראמען.

- דער 'צענטראל ניו יארק צענטראליזירטע האוזינג הילף און נעטווארק פאר קאמיוניטי אריינבערענגונג' ( Central New York Centralized Housing Assistance and Network for Community Engagement, CNY CHANCE) פראגראם איז אויסגעשטעלט צו העלפן פארלייכטערן א האוזינג מארקעט וואס ווערט כסדר מער איינגעצויגן. דער פראגראם רעכנט אריין א רייע באמיאונגען צו שטופן פאר האוזינג סטאביליטעט, אריינרעכנענדיג דאס אויפשטעלן א האוזינג דאטא-בעיס, ארבעטן מיט לענדלארדס און גיבן רייך מאסנאמען און שתדלנות פאר אפארדעבעל האוזינג דעוועלאפמענט, צווישן אנדערע.
- פול-טיים 'אנוועזנהייט ליעיזאנס' וועלן אריינגעשטעלט ווערן אין די סירעקיוס סיטי סקול דיסטריקט צו שטיצן שילער פון פאמיליעס וואס באקומען אדער זענען בארעכטיגט צו באקומען צייטווייליגע הילף וואס מוטשענען זיך מיט פראבלעמען מיט קומען רעגלמעסיג אין שולע. די ליעיזאנס וועלן צושטעלן אנגייענדע שטיצע פאר פאמיליעס און ארבעטן צו לייזן פראבלעמען וואס ביישטייערן צו כסדר'דיג פארפעלן שולע.
- אָנאָנדאַגאַ קאונטי וועט ארבעטן מיט די CNY Diaper Bank צו צושטעלן אומזיסטע ווינדלען פאר סיי וועלכע פאמיליע מיט א קינד אונטער 4 וואס וואוינט אין די סיטי אָוו סירעקיוס און איז בארעכטיגט פאר צייטווייליגע הילף.

די ערי קאונטי דעפארטמענט אָוו סאָושעל סערוויסעס וועט נוצן 12.5 מיליאן דאלאר צו שטיצן די פארבעסערונג פון די געזעלשאפטליך-עקאנאמישע צושטאנד פון TANF-בארעכטיגטע פאמיליעס וואס גייען אריבער ארימקייט און וואוינען אין די סיטי אָוו באפעלאו. די ציהל פון דעם פראגראם וואס איז באזירט אויף דאס פארטיילן רייך מאסנאם איז צו פארבעסערן די צושטאנד ארום באשעפטיגונג פאר פאמיליעס און קינדער און רעדוצירן ארימקייט צווישן קינדער. פראגראם באשטאנדטיילן רעכענען אריין לייף קאָוטשעס, קאריערע קאָוטשעס, פינאנציעלע קענטעניס סערוויסעס, פארבינדונג צו שטיצע און הילפס-מיטלען און דירעקטע קעש רייך מאסנאמען.

- דירעקטע קעש באצאלונגען וועלן געגעבן ווערן אלס א רייך מאסנאם פאר ביז 600 אנטיילנעמנדע פאמיליעס. די פאמיליעס קענען באקומען ביז 29 אנרייך מאסנאם באצאלונגען פאר א סך הכל פון $16,000 פער פאמיליע אויב זיי קומען נאך געוויסע תנאים, אריינרעכנענדיג ארבעטן מיט קאריערע און לייף קאָוטשעס, מאכן פארשריט אין ריכטונג פון אנגעדייטעטע ציהלן, זיך איינשרייבן אין טרענירונג און/אדער עדזשוקעישען/סקילס אויסלערנונג אקטיוויטעטן און האבן און אנהאלטן א דזשאב.
- סעיווינגס אקאונטס וועלן געעפנט ווערן פאר ביז 300 אנטיילנעמער און יעדע דאלאר וואס ווערט אריינגעלייגט דורך דעם אנטיילנעמער וועט באקומען א 'מעטש' פון $3 ביז $3,000.
- אומגעפער 115 אנטיילנעמער וועלן באקומען הילף מיטן באקומען א דרייווער'ס לייסענס, אלס אן ערשטע טריט אין ריככטונג פון זיין אייגנטימער פון א קאר.
- אנטיילנעמער וועלן אויך האבן צוטריט צו פארשידענע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פראגראמען, אריינרעכנענדיג סאָבסידיס צו העלפן טרעפן דזשאבס, טרענירונג אויפן דזשאב, אינדוסטריע-ספעציפישע וועגן-צו-קאריערע פראגראמען און פרי-אפרענטיסשיפס, צווישן אנדערע.

די אינציאטיוו בויט ארויף אויף גאווערנער Hochul (האקול)'ס פארפליכטונג צו מאכן ניו יארק פאר די בעסטע און מערסט אפארדעבעל פלאץ צו אוועקשטעלן און אויפציהען א פאמיליע. די גאווערנער'ס היסטארישע אינוועסטירונגען אנאנסירט אין איר 2025 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע און אריינגעלייגט אין די FY 2026 עקזעקיוטיוו בודזשעט וועלן שטופן פאר שעפערישע שריט צו אמבעסטן אדרעסירן די באדערפענישן פון יעדעס קינד און פאמיליע אין ניו יארק:

- גאווערנער Hochul (האקול)'ס אויסברייטערונג פון די טשיילד טעקס קרעדיט צו $1,000 אדער $500 פער קינד וועט העלפן אדרעסירן די עקאנאמישע שוועריגקייטן וואס פאמיליעס שטייען

אויס און איז פארגעשאצט צו באדייטנד רעדוצירן ארימקייט ראטעס צווישן קינדער אין ניו יארק סטעיט. איינמאל עס וועט זיין פולשטענדיג איינגעפירט, וועט די היסטארישע אינוועסטירונג קענען רעדוצירן קינדער ארימקייט אריבער די סטעיט מיט ביז אזויפיל ווי 8.2 פראצענט. דאס וועט ארויפבויען אויף די פארשריט וואס די אדמיניסטראציע האט שוין געמאכט מיטן רעדוצירן קינדער ארימקייט דורך שריט אין לעצטיגע בודזשעטס. צוזאמען מיט אנדערע מאסנאמען ווי דאס אויסברייטערן סאבסידיס פאר טשיילד קעיר, זענען די אדמיניסטראציע'ס שריט ביז היינט געשאצט צו רעדוצירן קינדער ארימקייט מיט ביז אזויפיל ווי 17.7 פראצענט.

- די גאווערנער האט אויך פארגעשלאגן ניו יארק'ס סאמע ערשטע 'אינפלאציע ריפאַנד', וואס וועט צוריק אריינלייגן 3 ביליאן דאלאר צוריק אין די קעשענעס פון 8.6 מיליאן שטייער-באצאלנדע בירגער. ביז סוף פון 2025 וועט ניו יארק סטעיט ארויסשיקן דירעקטע באצאלונגען פאר געוועונטליכע ניו יארקער. מענטשן וואס פיילן טעקסעס אלס פארפעלעקער וואס מאכן $300,000 אדער ווייניגער וועלן באקומען א $500 באצאלונג, און אלע שטייער-באצאלנדע ניו יארקער וואס פיילן אליין וואס פארדינען $150,000 אדער ווייניגער וועלן באקומען א $300 באצאלונג. די איינמאליגע באצאלונגען וועלן גיבן פאר ניו יארקער גאר-נויטיגע פינאנציעלע פארלייכטערונג אין 2025.
- גאווערנער Hochul (האקול) וועט אריינגיין אין א שותפות מיט Baby2Baby צו שיקן מאמע געזונטהייט און בעיבי געצייג פעקלעך פאר אלע Medicaid-איינגעשריבענע מאמעס וואס ערווארטן א קינד און אויך אזעלכע צו וועם זיי קומען אן דורך קאמיוניטי ארגאניזאציעס און שפיטעלער אין געגנטער מיט נידעריגערע איינקונפט. די פעקלעך וועלן אריינרעכענען הילפס-מיטלען, חינוך'דיגע מאטעריאלן, פערזענליכע קעיר פראדוקטן און וויגדלען, אנקומענדיג צו אומגעפער 100,000 פאמיליעס איינמאל עס ווערט פולשטענדיג איינגעפירט.
- גאווערנער Hochul (האקול) וועט אויך צושטעלן מיליאנען פון ווינדלען יערליך און אויסברייטערן מוטערליכע גייסטישע און עמאציאנאלע וואוילזיין סערוויסעס. אין צוגאב, וועט די גאווערנער אוועקשטעלן גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס צו זיין אונטער איין דאך מיט OBGYN קליניקס אין נויטבאדערפטיגע קאמיוניטיס.
- ארויפבויענדיג אויף די גאווערנער'ס שטיצע פאר טראגעדיגע פרויען און נייגעבוירענע בעיביס, וועט די ניו יארק סטעיט BABY (Birth Allowance for Beginning Year / געבורט געלט פאר ערשטע יאר) בענעפיט גיבן א $100 חודש'ליכע בענעפיט דורכאויסן זיין טראגעדיג און א $1,200 בענעפיט ביים געבורט פאר מענטשן מיט נידעריגערע איינקונפט וואס באקומען רעגירונג הילף. דאס וועט פארמערן די הויזגעזונד איינקונפט פאר טויזנטע ניו יארקע פאמיליעס.
- אין צוגאב, צו נעמען שריט קעגן פארשפרייטע ווערט אפשאצונג נגיעות אריבער די האוזינג אינדוסטריע וואס האט אומיושר'דיג באראבעוועט קאמיוניטיס פון שווארצע מינאריטעטן פון די געלעגנהייט צו קויפן א היים, האט גאווערנער Hochul (האקול) פארגעשלאגן א רייע שריט צו מאכן דיסקרימינירנדע ווערט אפשאצונג פראקטיקן אומגעזעצליך, אינפארסירן אנטי-דיסקרימינאציע פרינציפן אין ווערט אפשאצונג און מאכן די ארבעטסקראפט אין ווערט אפשאצונג מער פארשידנארטיג.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף ( Office of Temporary and Disability) קאמישאנער, Barbara C. Guinn (בארבארע סי. גווין), האט געזאגט,** "ארימקייט איז א רעאליטעט וואס אפעקטירט די לעבנס פון צופיל קינדער און זייערע פאמיליעס, באגרעניצנדיג זייערע געלעגנהייטן און פאטענציאל. פארשונג ווייזט אז די קאנצענטרירטע שטיצע און הילף וואס ווערט געגעבן דורך די לאקאלע-געטריבענע אנטי-ארימקייט איניציאטיוון – פון רענט סאַבסידיס, מוטערליכע געזונטהייט שטיצע, פינאנציעלע קאָוטשינג, סקול אנוועזנהייט רייץ-מאסנאמען ביז קעש הילף – זענען ווירקזאם ביים פארבעסערן פאמיליע וואוילזיין און די עקאנאמישע זיכערהייט פון קינדער און פאמיליעס. מיר קוקן ארויס צו זעהן די איינפירונג פון די פראגראמען אין ראטשעסטער, באפעלאו און סירעקיוז, און מיר זענען

דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן גיבן פריאריטעט פאר אן אגענדע וואס הייבט אויף ארבעטנדע פאמיליעס און מאכט אונזער סטעיט מער ווארנבאר און אפאָרדעבעל פאר אלע ניו יארקער."

**סענאט מינאריטעט פירער, Charles Schumer (טשארלס שומער), האט געזאגט,** "אנגעהויבן פון פארמערן פינאנציעלע קענטעניס ביז דזשאב טרענירונג און ביזן פארבעסערן חינוך סקילס פאר עלטערן און שטיצע פאר סטאבילע האוזינג אין באפעלאו און ראטשעסטער און סירעקיוז, איז דאס אן אינוועסטירונג אין אונזערע קינדער, אין אונזער צוקונפט און עס בויט א בעסערע לעבן פאר פאמיליעס וואס דארפן א צוהעלפנדע האנט. איך וועל שטענדיג קעמפן צו אהערשטעלן הילפס-מיטלען פאר ניו יארק'ס פאמיליעס צו גיבן פאר אלע אונזערע קינדער די בעסטע געלעגנהייטן פאר א לעכטיגע צוקונפט און שטיצן גאווערנער Hochul (האקול)'ס באמיאונגען צו עררייכן די ציהלן."

**קאנגרעסמאן Joe Morelle (דזשאָו מארעלי) האט געזאגט,** "דאס ארויסהייבן קינדער און פאמיליעס פון ארימקייט איז שטענדיג געווען איינס פון מיינע הויפט פריאריטעטן. דאס צייכנט אפ א טריט פאראויס אין אונזערע באמיאונגען צו אראפנידערן קאסטן דורכן מאכן העלטקעיר און האוזינג פון א הויכע קוואליטעט מער אפאָרדעבעל און צוריק אריינלייגן געלט דירעקט אין די קעשענעס פון די וועלכע דארפן דאס די מערסטע. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר פירערשאפט אויף די וויכטיגע אנגעלעגנהייט, און איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט איר און מיט מאנראו קאונטי עקזעקיוטיוו Adam Bello (עדעם בעלאָו) צו איינפירן Project Prosper אריבער ראטשעסטער."

**קאנגרעסמאן Timothy Kennedy (טימאטי קענעדי) האט געזאגט,** "די וויכטיגע אנטי-ארימקייט אינציאטיוו וועט אויפהייבן שווער-ארבעטנדע עלטערן און העלפן זיכער מאכן אז זייערע קינדער בליהען. די פינאנצירונג וועט פארבינדן פאמיליעס מיט די הילפס-מיטלען וואס האבן די פאטענציאל צו טוישן זייערע לעבנס. אין וואשינגטאן, וועל איך פארזעצן צו קעמפן פאר ארבעטנדע הויזגעזינדער צו מאכן ניו יארק מער אפאָרדעבעל און צו גיבן פאר די פאמיליעס צוטריט צו נייע געלעגנהייטן."

**קאנגרעסמאן John W. Mannion (דזשאן וו. מעניאן) האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר יעדעס קינד צו האבן א טשאנס צו מצליח זיין, און איך בין פארפליכטעט צו ארויסהייבן אונזערע קאמיוניטיס פון ארימקייט, באזונדערס אין שטאטישע צענטערן ווי סירעקיוז. עס רעדט זיך פון א פראבלעם פון דורות, אבער עס איז אויך א געלעגנהייט צו מאכן באדייטפולע אינוועסטירונגען אין אונזערע שולעס, שאפן אטמאספערעס פון האפענונג, אהערשטעלן סטאבילע האוזינג און פארגרעסערן ערפאלגרייכע פראגראמען. איך שלוס זיך אן מיט גאווערנער Hochul (האקול) אין די אונטערנעמונג און איך לויב אויס איר פירערשאפט פארן מאכן די לעבנס-טוישנדע אינוועסטירונגען אין אָנאָנדאַגאַ קאונטי."

**סטעיט סענאטאר Christopher Ryan (קריסטאפער רייען) האט געזאגט,** "איך ווי אויסדרוקן מיין הכרת הטוב פאר גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) פאר איר פארפליכטונג צו אדרעסירן די באדערפענישן פון קינדער און פאמיליעס אין סירעקיוז און צענטראל ניו יארק. די 50 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אריבער ראטשעסטער, באפעלאו און סירעקיוז וועט ברענגען קריטישע הילפס-מיטלען צו העלפן רעדוצירן ארימקייט און פארבעסערן די וואוילזיין פון פאמיליעס וועלכע נויטיגן זיך דאס מערסטע דערין. די אינציאטיוו, געבויט אויף שטארקע צוזאמענארבעט צווישן סטעיט, קאונטי און לאקאלע פירער – מאכט זיכער אז אונזערע ראיאן'ס באמיאונגען ווערן געוויזן די וועג דורך די עכטע באדערפענישן פון- און זיך איינהערנדיג צו- די פאמיליעס וועם מיר באדינען. איך בין שטאלץ צו שטיצן די טראנספארמאטיווע צוגאנג, און איך קוק ארויס צו ארבעטן צוזאמען צו ברענגען לאנג-אנהאלטנדע טויש פאר אונזערע קינדער און פאמיליעס אין סירעקיוז און אריבער צענטראל ניו יארק."

**סטעיט סענאטארשע April N.M. Baskin (אפריל נ. מ. באסקין) האט געזאגט,** "אויב די רעדל פון ארימקייט ווערט נישט אפגעשטעלט פרי אין א קינד'ס לעבן, ווערן די חורבנות-אנזייענדע השפעות אפט

געפיהלט פאר די גאנצע לעבן. די אינוועסטירונג אין באפעלאו און אנדערע אפסטעיט שטעט איז קריטיש ווייל אונזערע קאמיוניטיס זענען צווישן די ארימסטע, רוקנדיג קינדער אויף צוריק נאך אפילו פאר זיי האבן א טשאנס צו אנהויבן. הילפס-מיטלען פון די קריטישע געלטער קענען דראמאטיש און פאזיטיוו ארויסהעלפן ארטיגע קינדער בליהען, באררייכערנדיג זייערע לעבנס און אזוי אויך די לעבנס פון זייערע פאמיליעס."

**סטעיט סענאטאר Jeremy Cooney (דזשערמי קוּני) האט געזאגט,** "קינדער ארימקייט ראטעס אריבער אפסטעיט ניו יארק לייגן זיך נישט אויפן שכל, באזונדערס אין די סיטי אָוו ראטשעסטער, וואו נאענט צו האלב פון אונזערע קינדער לעבן אונטער די ארימקייט שטאפל. א דאנק, גאווערנער Hochul (האקול), פאר אייער צוזאמענארבעט ביים ברענגען פינאנצירונג פאר לאקאלע ארגאניזאציעס אין די קאמיוניטיס וועלכע דארפן דאס די מערסטע, באקעמפנדיג אונזערע אומאקצעפטירבארע קינדער ארימקייט ראטעס און אויספלאסטערנדיג די וועג אין ריכטונג פון א לעכטיגערע צוקונפט פאר די קומענדיגע דור פון ניו יארקער."

**סטעיט סענאטאר Sean Ryan (שאָן רייען) האט געזאגט,** "אזוי ווי די פעדעראלע רעגירונג ארבעט צו שניידן פראגראמען אויף וועלכע ניו יארקער פארלאזן זיך און ערפילט נישט זייער צוזאג צו אראפנידערן קאסטן, ארבעטן מיר שווער אין ניו צו אויפהייבן אונזערע שוואכסטע קאמיוניטיס. די סטעיט פינאנצירונג וועט באשיצן נויטבאדערפטיגע פאמיליעס און צולייגן נאך איין כלי צו העלפן באפעלאו אדרעסירן די הויכע ראטע פון קינדשאפט ארימקייט וואס לייגט זיך נישט אויפן שכל וואס פלאגט שוין אונזער שטאט פאר צו לאנג. איך באדאנק גאווערנער Hochul (האקול) פאר אירע אנגייענדע באמיאונגען צו אדרעסירן די קריטיש-וויכטיגע נושא."

**סטעיט סענאטארשע Rachel May (רעיטשעל מעי) האט געזאגט,** "פילע פאמיליעס אין צענטראל ניו יארק מוטשענען זיך צו באצאלן די בילס. מיט וואקסנדע רענט און כסדר'דיג-הויכע פרייזן פאר עסנווארג, איז דאס נאכקומען די פונדאמענטאלע באדערפענישן פון מאלצייטן, יוטיליטיס און אנדערע לעבנס-וויכטיגע באדערפענישן געווארן שווערער און שווערער. גאווערנער Hochul'ס (האקול) אנאנסירונג איבער 50 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר אנטי-ארימקייט פראגראמען וועט באדייטנד העלפן אדרעסירן די יסודות'דיגע אורזאכן פון ארימקייט אין אונזער ראיאן. א דאנק פאר גאווערנער Hochul (האקול) און פאר מיינע קאלעגן אין די סענאט מאיאריטעט וועלכע זעצן פאר צו ארויסהייבן מער פון אונזערע שכנים ארויס פון ארימקייט."

**אסעמבלי מאיאריטעט פירערין Crystal Peoples-Stokes (קריסטאל פיפלס-סטאָוקס) האט געזאגט,** "דאס רעדוצירן ארימקייט איז איינס פון די וויכטיגסטע מאסנאמען וואס די סטעיט קען אונטערנעמען צו העלפן פאמיליעס וואס מוטשענען זיך — צו היטן אויף זייער געזונטהייט, היים און וואוילזיין. איך באגרוס גאווערנער Hochul'ס (האקול) איבערגעגעבנקייט צו רעדוצירן ארימקייט אין די סיטיס אָוו באפעלאו, ראטשעסטער און סירעקיוס, און איך קוק ארויס צו זעהן די פאזיטיווע רעזולטאטן אין מיין קאמיוניטי און ווייטער."

**אסעמבלי מיטגליד Al Stirpe (על סטירפּ) האט געזאגט,** "גאווערנער Hochul'ס (האקול) אנאנסירונג היינט ווייזט ארויס אן אמת'דיגע פארפליכטונג צו באקעמפן איינס פון די שווערסטע שלאכטן וואס אונזערע לאקאלע קאמיוניטיס זעצן פאר צו אויסשטיין. סירעקיוּס האט שוין פון לאנג צווישן די העכסטע ראטעס פון קינדער ארימקייט אריבער דאס לאנד, און עס איז העכסט וויכטיג אז מיר זאלן נעמען פאראנטווארטליכקייט צו באקעמפן די לאנגיאריגע און דורות'דיגע פראבלעם. וויל איך באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר פירערשאפט וואס האט ערמעגליכט די הילפס-מיטלען פאר אָנאָנדאַגאַ קאונטי, העלפנדיג אויפהייבן אונזערע קינדער און פאמיליעס וועלכע זענען דאס מערסטע אין נויט און ארויסווייזנדיג אן אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו די וואוילזיין פון אונזערע צוקונפטיגע דורות."

**אסעמבלי מיטגליד Andrew Hevesi (ענדרו העוועסי) האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן ציהלן די אנטי-ארימקייט געלטער גענוי דארט וואו מיר דארפן זיי, אין סירעקיוז, ראטשעסטער און באפעלאו וועלכע האבן צום באדויער צווישן די העכסטע ראטעס פון קינדער ארימקייט אין דאס לאנד. א דאנק פאר ספיקער Heastie (היעסטי), מאיאריטעט פירערין Stewart-Cousins (סטוּערט-קאזינס) און פאר אלע מיינע קאלעגן פארן ארבעטן מיט די עקזעקיוטיוו רעגירונג צו צושטעלן די הילף פאר אונזערע אפסטעיט קאמיוניטיס, פאמיליעס און קינדער."

**אסעמבלי מיטגליד William Magnarelli (וויליאם מאגנארעלי) האט געזאגט,** "סירעקיוז האט איינס פון די העכסטע ראטעס פון קינדער ארימקייט אין דאס לאנד, מיט בערך האלב פון די קינדער אין די שטאט פאלנדיג אונטער די ארימקייט שטאפל. דורכן אינוועסטירן אין סירעקיוז און אנדערע אפסטעיט שטעט, איז די גאווערנער איבערגעגעבן צו פארבעסערן די וואוילזיין פון אונזערע קאמיוניטיס דורכן פארמערן געלעגנהייטן צו צוקומען צו האוזינג, טשיילד קעיר, דזשאבס און טראנספארטאציע."

**אסעמבלי מיטגליד Harry B. Bronson (הערי ב. בראנסאן) האט געזאגט,** "אלס דער הויפט אסעמבלי ספאנסאר פון דעם 'קינדער ארימקייט רעדוקציע געזעץ' (Child Poverty Reduction Act), אפלאדיר איך די גאווערנער פאר די צוגעלייגטע 50 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו אדרעסירן די באדערפענישן פון קינדער און פאמיליעס וואס לעבן אין ארימקייט, וואס גיבט פריאריטעט צו אויפהייבן פאמיליעס דורך געלעגנהייט און הילפס-מיטלען. א דאנק, גאווערנער Hochul (האקול), פאר אייער פארגעזעצטע און באנייטע שטיצע און צוזאמענארבעט צו מאכן ראטשעסטער פאר א שטאט פון בליהאונג, געלעגנהייט און גערעכטיגקייט, כדי מיר זאלן סוף כל סוף קענען ברענגען אן ענדע צו די מכה פון קינדער און פאמיליעס וואס לעבן אין ארימקייט."

**אסעמבלי מיטגליד Sarah Clark (סערע קלארק) האט געזאגט,** "מיר ווייסן אז סיסטעמאטישע ארימקייט ליגט אין די הארץ פון פילע פון אונזערע מערסט דרינגנדע פראבלעמען אריבער די סטעיט. דאס דינען אין אמט אין א ראיאן וואס האט איינס פון די העכסטע קינדער ארימקייט ראטעס אין די סטעיט איז א כסדר'דיגע דערמאנונג איבער וויפיל מיר דארפן אינוועסטירן אין קינדער און פאמיליעס — מיין הויפט פריאריטעט אין די אסעמבלי. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן אנאנסירן 50 מיליאן דאלאר אין אינוועסטירונגען אין אונזערע מערסט באזייטיגטע קאמיוניטיס דא אין אפסטעיט ניו יארק. די געלטער וועלן העלפן ארויסהייבן פאמיליעס פון דורות'דיגע ארימקייט און זיכער מאכן אז די מערסט דרינגנדע באדערפענישן פון אונזערע קינדער ווערן בעסער ערפילט."

**אסעמבלי מיטגלידערין Pamela Hunter (פאמעלא האַנטער) האט געזאגט,** "דאס אינוועסטירן אין אונזערע קינדער און פאמיליעס איז די יסוד פון א שטערקערע, מער בליהענדע ניו יארק. דורכאויס מיין צייט אין אמט איז קינדשאפט ארימקייט אין סירעקיוז געווען איינס פון די מערסט פארשפרייטע און שווערע אנגעלעגנהייטן צו אדרעסירן. מיט די 50 מיליאן דאלארדיגע צוזאג, טוהען מיר אונטערנעמען אנטשיידענע שריט צו אפשטעלן די רעדל פון ארימקייט און צושטעלן עכטע געלעגנהייטן פאר פאמיליעס אין ראטשעסטער, באפעלאו און דא אין סירעקיוז. דורכן גיבן פריאריטעט פאר לאקאל-געטריבענע לייזונגען, מאכן מיר זיכער אז די וועלכע זענען די נאענטסטע צו די שוועריגקייטן האבן די הילפס-מיטלען וואס זיי דארפן צו שאפן לאנג-אנהאלטנדע טויש. איך אפלאדיר גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר פירערשאפט און פארן אנערקענען אז דאס אויפהייבן אונזערע שוואכסטע קאמיוניטיס איז נישט נאר די ריכטיגע זאך צו טוהן — נאר עס איז אויך א יסודות'דיגע זאך פאר די צוקונפט פון אונזער סטעיט."

**מאנראו קאונטי עקזעקיוטיוו, Adam Bello (עדעם בעלאָו), האט געזאגט,** "Project Prosper וועט שאפן סטראטעגישע איניציאטיוון צו פארבינדן פאמיליעס מיט סטאבילע האוזינג, באשעפטיגונג שטיצע, טשיילד קעיר, הילף פאר טראגעדיגע פרויען וואס וועט פארבעסערן מוטערליכע און נייגעבוירענע בעיבי

געזונטהייט תוצאות און געציהלטע רענט סאָבסידיס צו העלפן פאמיליעס פארזיכערן פאר זיך סטאבילע האוזינג. די פינאנצירונג וועט גיבן עכטע ממשיות'דיגע וועגן וואס פירן ארויס פון ארימקייט אין געציהלטע זיפ קאודס אריבער אונזער קאמיוניטי. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פאר די 25 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג און פארן אננעמען פילע פון די רעקאמענדאציעס פון די קאמיוניטי-געטריבענע ראטשעסטער-מאנראו קאונטי אנטי -ארימקייט אינציאטיוו ( Rochester-Monroe County Anti-Poverty Initiative) און זיי פארוואנדלען אין רעאליטעט."

**ערי קאונטי עקזעקיוטיוו, Mark C. Poloncarz (מארק סי. פאלאנקאַרז), האט געזאגט,** "דאס רעדוצירן ארימקייט צווישן פאמיליעס און קינדער העלפט זיי ארויפגיין אויפן וועג צו א בעסערע, געזונטערע און מער פראדוקטיווע לעבן. די פינאנצירונג וועט העלפן TANF-בארעכטיגטע פאמיליעס באקומען צוטריט צו די שטיצע און סערוויסעס וואס זיי דארפן זיך צו איינשאפן נייע סקילס, פארבעסערן זייער פינאנציעלע קענטעניס און בויען פאר א בעסערע צוקונפט. איך באדאנק גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר אנגייענדע קאנצענטראציע צו רעדוצירן ארימקייט ראטעס און מאכן באפעלאו, און גאנץ ניו יארק סטעיט, פאר א געוואלדיג פלאץ צו אויפשטעלן א פאמיליע."

**אָנאָנדאַגאַ קאונטי עקזעקיוטיוו, Ryan McMahon (רייען מעקמעהאן), האט געזאגט,** "מיין אדמיניסטראציע האט געארבעט מידלאזערהייט צו אנקומען צו- און פארבינדן די מיטגלידער פון אונזער קאמיוניטי וואס לעבן אין ארימקייט צו די הילפס-מיטלען וואס זיי דארפן אויף אן ארומנעמיגע און אלס-באטראכטנדע וועג. פון אונזער ערפאלגרייכער Gen Onondaga2 פראבע פראיעקט וואס ארבעטן צו אפשטעלן די דורות'דיגע רעדל פון ארימקייט ביזן ארבעטן מיט אונזערע שולעס צו שטיצן אונזערע קינדער אן צולייגן נאך שוועריגקייטן פאר עלטערן וואס זוכן צו טרעפן אדער אנהאלטן א דזשאב — מאכט אָנאָנדאַגאַ קאונטי עכטע פארשריט ווען עס קומט צו ענדליך אדרעסירן די שורשים וואס פאראורזאכן ארימקייט. עס איז נאך דא פיל ארבעט צו טוהן, און א דאנק די סטעיט געלטער וועלן מיר קענען ארויפבויען אויף- און פארגרעסערן אונזערע באמיאונגען אין א באמת ממשיות'דיגע וועג. א דאנק פאר ניו יארק סטעיט און פאר אלע קאמיוניטי שותפים וועלכע האבן געהאלפן מאכן דעם היינטיגן טאג פאר א מעגליכקייט."

**ראטשעסטער מעיאר Malik D. Evans (מאליק ד. עוואנס) האט געזאגט,** "Project Prosper שטעלט צוזאם די הילפס-מיטלען פון ניו יארק סטעיט, מאנראו קאונטי און די סיטי אָוו ראטשעסטער צו שטיצן אונזערע שוואכסטע איינוואוינער און אדרעסירן טייל פון די פיינליכע קאנסעקווענצן פון ארימקייט: שטערבליכקייט פון נייגעבוירענע בעיביס, די לאסט פון רענט און זיין עקאנאמיש געשטעקט. וויל איך באדאנקען גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) פארן אהערשטעלן די פינאנצירונג, צוזאמען מיט די פילע קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס וועמען'ס געדאנקען האבן אונז געהאלפן אויפקומען מיט די שעפערישע סטראטעגיעס. א דאנק גאווערנער Hochul (האקול) און אונזער שותפות מיט מאנראו קאונטי, גיבן מיר די איינוואוינער פון ראטשעסטער'ס ארימסטע געגנטער די אינוועסטירונגען וואס קומען זיך זיי."

**באפעלאו מעיאר Christopher P. Scanlon (קריסטאפער פּ. סקענלאן) האט געזאגט,** "אלס א טאטע פון דריי קינדער, ווייס איך ערשטהאנטיג די שוועריגקייטן וואס פאמיליעס שטייען אויס ביים זיכער מאכן אז זייערע קינדער האבן די געלעגנהייטן און שטיצע וואס זיי דארפן צו בליהען. גאווערנער Hochul (האקול)'ס אינוועסטירונג אין באפעלאו וועט צושטעלן קריטישע הילפס-מיטלען צו ארויסהייבן פאמיליעס פון ארימקייט, שאפנדיג א וועג צו עקאנאמישע סטאביליטעט און צו לעכטיגערע צוקונפטן פאר אונזערע קינדער. די פינאנצירונג רעדט זיך נישט בלויז איבער פינאנציעלע הילף — נאר עס רעדט זיך פון אויסשטאטן פאמיליעס מיט די כלים צו מצליח זיין, פון קאריערע קאָוטשינג ביז פינאנציעלע קענטעניס און ארבעטסקראפט אנטוויקלונג. איך וויל באדאנקען די גאווערנער פאר איר אינוועסטירונג אין פאמיליעס אין

די סיטי אָוו באפעלאו, און איך קוק ארויס צו זעהן די השפעה דערפון אויף פאמיליעס אריבער אונזער שטאט."

**סירעקיוּס מעיאר Ben Walsh (בען וואַלש) האט געזאגט,** "די פראגראמען וואס באקומען שטיצע אין די סיטי אָוו סירעקיוּס אדרעסירן די קינדער'ס היים און חינוך און די עלטערן'ס מעגליכקייט צו ערפילן זייערע יעצטיגע באדערפענישן בשעת'ן אויסברייטערן זייער קאפאציטעט זיך צו ארויסברעכן פון ארימקייט דורך ארבעט. עס איז געווי די סארט ארומנעמיגע צוגאנג וואס שאפט סיי א וועג ארויס פון ארימקייט און סיי די שטיצע פאר די פאמיליע צו ערפאלגרייך אראפגיין די וועג. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן צוטיילן די הילפס-מיטלען צו באקעמפן ארימקייט אין סירעקיוּס, און פאר אונזערע שותפים אין די אָנאָנדאַגאַ קאונטי רעגירונג פארן ארבעטן מיט אונז אויף די פראגראמען."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov

ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן